# דברים

## איכה אשא לבדי

אין היינטיקער פרשה[1] ווערט דערציילט אַז משה רבינו האָט געהאַט אַ טענה צום אויבערשטן **"איכה אשא לבדי"** – ווי איז מעגלעך אַז איך אַליין זאָל אָנפירן דעם אידישן פאָלק? וויבאַלד דער אידישער פאָלק איז אַזוי גרויס – סיי אין צאָל און סיי אין אַנדערשקייט – ווי איז מעגלעך אַז איין מענטש, אַפילו אַ הייליקער מענטש ווי משה רבינו, זאָל קענען אָנפירן מיט אַזאַ גרויסן פאָלק?

**קען דאָך אַ קליין אידיש קינד פרעגן: "איכה אשא לבדי"? – ווי אַזוי קען איך, זייענדיק אַ קליין קינד, דורכפירן אַזאַ גרויסע שליחות?**

האָט דער אויבערשטער אים אָנגעזאָגט אַז ער זאָל נעמען צו זיך "שרי אלפים ושרי מאות גו'"[2], און זיי וועלן העלפן משה רבינו אָנפירן מיטן עם ישראל.

די הוראה פון דעם פאַר יעדער אידן:

יעדער איד איז געגעבן געוואָרן אַ שליחות פון משה רבינו, צו אָנפירן זיין אייגענעם לעבן לויט די אנווייזונגען פון תורה, און אויך צו איינווירקן אויף אַנדערע אידן צו פירן זיך אין דעם זעלבן גייסט.

קען דאָך אַ קליין אידיש קינד פרעגן: "איכה אשא לבדי"? – ווי אַזוי קען איך, זייענדיק אַ קליין קינד, דורכפירן אַזאַ גרויסע שליחות?

נאָך מער: אַ אידן איז געגעבן געוואָרן אַ שליחות אַז ער דאַרף פרייליך מאַכן דעם אויבערשטן, דורך מאַכן די גאַנצע וועלט אַ "דירה" (וואוינונגס ארט) פאַר דער שכינה[3] – **"ישמח ישראל כו' בשמחת ה' אשר שש ושמח בדירתו בתחתונים"**[4].

טענה׳ט אַ אידיש קינד: וואו האָב איך די כוחות צו דורכפירן אַזאַ שליחות?

לערנט אונז די תורה, אַז דער אויבערשטער גיט יעדן אידן די כוחות אויף קענען דורכפירן זיין תפקיד און שליחות צו אָנפירן מיט דעם אייגענעם לעבן און אויך מיט אַלע וואס געפינען זיך אַרום אים לויט דעם דרך התורה.

> **בשעת אַ איד פירט אָן מיט זיין לעבן אין דעם גייסט פון תורה, איז ער דערמיט מבטל דעם גאַנצן ענין פון גלות**

וויבאַלד יעדער איד באַקומט די תורה אַלס אַ ירושה פון משה רבינו, "**תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב**"[5], דעריבער, ווען אַ איד האַלט זיך אָן אין תורה באַקומט ער אַלע נויטיקע כוחות צו אָנפירן זיין לעבן, פונקט ווי דער אויבערשטער האָט געפונען דעם וועג צו געבן משה׳ן די נויטיקע הילף (דורך די שרי אלפים כו׳) צו קענען אָנפירן מיטן אידישן פאָלק.

עס שטייט אין מדרש[6], אַז ווען אידן וואָלטן זוכה זיין וואָלטן זיי נאָר געדאַרפט לייענען אין תורה "איכה אשא לבדי", נאָר וויבאַלד מען האָט ניט זוכה געווען לייענט מען (תשעה באב) "איכה ישבה בדד"[7].

דערפון פאַרשטייט מען אַז בשעת אידן זיינען מקיים וואָס שטייט אין תורה "איכה אשא לבדי" איז דאָס מבטל דעם גלות, דעם זאָגן "איכה ישבה בדד".

דאָס מיינט: בשעת אַ איד פירט אָן מיט זיין לעבן און מיט די לעבנס פון די אידן וואָס געפינען זיך אַרום אים, אין דעם גייסט פון תורה, אָט ווי משה רבינו האָט אָנגעפירט מיט אידן – איז ער דערמיט מבטל דעם גאַנצן ענין פון גלות און חורבן בית המקדש, ובמילא דאַרף מען ניט זאָגן "איכה ישבה בדד", ווייל מען האָט די גאולה אמיתית ושלימה דורך משיח צדקנו.

(ג׳ מנחם אב תשמ״א)

1) דברים א, יב. 2) שם, טו. 3) ראה תנחומא נשא טז. תניא פרק לו. 4) תניא סוף פרק לג – מה״י״ב פסוקים ומאמרי חז״ל״. 5) ברכה לג, ד – מה״י״ב פסוקים ומאמרי חז״ל״. ראה לעיל כרך א׳ עמוד 268. 6) פתיחתא דאיכה רבה